ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# דער פויבסט
# אלחנן

אידיש

**631**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

# דֶער פּוֹיבְּסְט אֶלְחָנָן

קֵיין שׁוּם קְרַאפְט אִיז אוּמְשְׁטַאנְד דֶעם יוֹדֶען פוּן זַיין
פָּאלְק אַוֶועקְצוּרַייסֶען, נָאךְ לַאנְגֶען אַרוּמְבְּלָאנְזֶען אוּן
בֶּענְקֶענִיש קוּמְט עֶר צוּרִיק צוּ זַיינֶע בְּרוּדֶער.


היסטאָרישע ערצעהלונג פון

## י. קרעפעל



אייגענטום פונ׳ם פערלאַג:

## שמחה פריינד

# פשעמישל

נאַכדרוק פערבאָטען

א.

# רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יִצְחָק.

פאַר בערך 8 הונדערט יאָהר האָט אין דער דייטשער שטאָדט מאַינץ געלעבט אַ בעריהמטער מאַן, רבי שמעון בן יצחק.

רבי שמעון איז געווען אַ גרויסער תּלמיד חכם און אַ גאון. דאַביי אַ גרויסער עושר און אַ בעקאַנטער בעל-צדקה.

ווייט און ברייט האָט גע'שמ'ט זיין נאָמען. נישט נאָר אין דייטשלאַנד, אויך אין אנדערע לענדער האָט מען גע-וואוסט, אַז גאָט האָט די יודען פון דער בעריהמטער קהלה מאַינץ (מאגענצה), געשיקט אַ גרויסע פערזענליכקייט, וואָס איז זייער שטאָלץ אין גוטע צייטען און זייער הילף אין שווע-רע טעג.

וואָרין רבי שמעון בן יצחק איז געווען אַ גרויסער סוחר, האָט געפיהרט געשעפטען מיט גראַפען און פירסטען און איז אויף דעם וועג אויך געקומען אין בעריהרונג מיט דעם קיי-זערליכען הויף און געוואָרען דאָרט אַ חשוב. האָבען די שונאי ישראל, די פיינד פון די יודען, ווידער אַמאָל אַרויסגעזוכט די אַלטע בלבולים און געוואָלט די יודען פערפאָלגען, אַזוי פלעגט רבי שמעון בן יצחק זיך משתדל זיין ביים קייזער און פער-היטען די געפאַהר.

רבי שמעון בן יצחק איז געווען אַ גרויסער תּלמיד חכם און אויך אַ בעריהמטער פייטן, דיכטער. פיעלע פיוטים

פון

פון די ימים נוראים און פון די סליחות שטאַמען פון זיין פעדער און ווערען נאָך היינט געזאָגט.

עטליכע יאָהר נאָך זיין חתונה האָט רבי שמעון קיין קינדער נישט געהאַט. עס האָט איהם דאָס שטאַרק געקרענקט. און ווען עס איז איהם שפעטער געבוירען געוואָרען אַ זוהן, האָט ער איהם אַ נאָמען געגעבען אלחנן. דאָס הייסט, דאָס פון גאָט'ס גנאָד געשענקטע קינד.

אלחנן איז געווען זעהר אַ שעהן און געראָטען קינד. שוין אין זיין פריהערסטער קינדהייט האָט ער אַרויסגעוויזען גרויסע פעהיגקייטען. זיינע עלטערן האָבען איהם ערצויגען לויט דעם אַלטען יודישען מנהג און האָבען געהאָפט, אַז אלחנן וועט אויסוואַקסען אַ גרויסער מאַן און ברענגען כבוד זיינע עלטערן און דעם גאַנצען יודישען פאָלק.

ווען אלחנן איז אַלט געוואָרען 4 יאָהר, האָט רבי שמעון פערפאַסט אַ שעהנע תפילה פאַר ראש-השנה, וועלכע געפונט זיך ביז היינט אין מחזור. עס איז דאָס דער פיוט „מלך אמון" אין שחרית פון צווייטען טאָג ראש-השנה, וועלכען מען זאָגט נאָך ברכו און וועלענדיג אַריינברענגען דעם נאָמען פון זיין געליעבטען זוהן אין דיעזען פיוט, האָט ער אין דער לעצטער שורה פון דריטען אָבשניט פון דיעזען פיוט אָבגעשריעבען דעם זאַץ „אל חנן נחלתו בנועם" (גאָט האָט בעגנעדיגט זיין פאָלק מיט זיסיגקייט).

ווי קליין אלחנן איז דאַמאָלס געוועזען, האָט ער שוין פערשטאַנען לשון-הקודש און זיין פאָטער האָט איהם דעם פיוט איבערגעלייענט און געזאָגט די טייטש פון די ווערטער, אוי אַז אלחנן האט געוואוסט, אַז דער זאַץ איז געשריעבען יואָרען פון זיינעטוועגען.

איינמאָל איז דער קליינער אלחנן קראַנק געוואָרען אין די

די דאָקטוירים האָבען געזאָגט, אַז ער וועט די קראַנקהייט נישט קענען איבערלעבען. רבי שמעון האָט זיך דעריבער שטאַרק געקרענקט און האָט געבעטען גאָט, ער זאָל איהם שענקען דאָס לעבען פון זיין געליעבטען קינד. און עס איז געשעהען אַ נס. גראָד דאַמאָלס, ווען די דאָקטוירים האָבען זיך שוין מייאש געווען און גערעכענט, אָט אָט פערליערט דאָס קינד זיין נשמה, גראָד דאַמאָלס איז איינגעטרעטען אַ ענדערונג און אלחנן איז געזונד געוואָרען. פאַר די דאָקטוירים איז דאָס געווען אַ גרויסער חידוש און די מעשה האָט זיך אַרומדערצעהלט אין דער גאַנצער שטאָדט. יודען ווי גוים האָבען דאַפון געשמועסט, ווי גרויס עס זענען די וואונדער פון גאָט, אַז אַזאַ שוואַך קינד זאָל קענען איבערהאַלטען די שווערסטע קרענק און בלייבען לעבען.

---

ב.

## אֶלְחָנָן וֶוערְט גֶע'שְׁמַדְ'ט.

רבי שמעון און זיין פרוי האָבען זיך געפרעהט, וואָס גאָט האָט דערהערט זייער תפלה און דערהאַלטען זייער בן-יחיד ביים לעבען.

די קריסטליכע אַם פון אלחנן האָט אָבער געהאַט אַ אַנדערן חשבון.

זי האָט דאָס קינד שטאַרק ליעב געהאַט און איז פערבליבען ביי ר' שמעון. אין הויז אפילו נאָכדעם, ווי אלחנן איז ענטוועהנט געוואָרען, ווען ער איז קראַנק געוואָרען, האָט זי געהאַט גרויס

צער

זער און האָט אין דער שעה, ווען די דאָקטוירים האָבען דאָס קינד אויפגעגעבען, אויף זיך גענומען אַ נדר. אַז זויב אלחנן וועט געזונד ווערען, וועט זי איהם שמד'ן און לאָזען ערציעהען פאַר אַ גלח...

די קריסטליכע אַם איז געווען איבערצייגט, אַז נאָר איהר נדר האָט געהאָלפען, אלחנן צו דערהאַלטען ביים לעבען און ווען מען האָט אין דער גאַנצער שטאָדט אַרום גערעדט וועגען דעם גרויסען נס וואָס איז געשעהען, אַיז זי געגאַנגען צום גלח און איהם אַלסדינג דערצעהלט.

דער גלח האָט איהר ערקלערט, אַז זי מוז מקיים זיין איהר נדר, ווייל אַז נישט וועט זי האָבען אַ גרויסע עברה, און בפרט וועט דאָס לעבען פון דעם קינד זיין ווייטער בעדראָהט. ער האָט איהר איבערדעם בעפויהלען, אַז זי מוז טראַכטען, דאָס קינד אַרויס צו גנב'ענען פון זיינע עלטערן און עס ברענגען צו איהם. ער וועט שוין בעזאָרגען דאָס איבריגע.

רבי שמעון און זיין פרוי האָבען אלחנן אַזוי ליעב געהאַט, בפרט נאָך דער שווערער קראַנקהייט, אַז די אַם איז כמעט קיינמאָל נישט געווען אַליין מיט איהם. האָט זי נישט געקענט אויספיהרען איהר כוונה. זי האָט זיך אויך געקווינקעלט, עס צו טהון, וויסענדיג, אַז זי וועט דאַמאָלס דאָס קינד נישט מעהר קענען זעהען.

אָבער דער גלח האָט איהר שטאַרק דערקוטשעט און ווען זי איז געקומען צו איהם בייכטען, מתודה זיין איהרע זינד, האָט ער ערקלערט, אַז ער קען איהר נישט מוחל זיין, סיידען, זי וועט מקיים זיין איהר נדר.

די פראָסטע פרוי האָט זיך קיין עצה נישט געקענט געבען און אייגמאָל, אים יום-כפור, ווען רבי שמעון און זיין פרוי זענען געווען אין שוהל ביים דאַווינען און אויך אַלע

יודישע

יודישע בני-בית זענען נישט געווען אין שטוב, האָט זי אלחנן גענומען און איז מיט איהם אַנטלאָפען צום גלח.

ווען די עלטערן זענען אָבענד אַהיים געקומען, האָבען זיי געטראָפען די שטוב אַ ליידיגע. נישטאָ אלחנן און נישטאָ די אַם...

זיי האָבען תיכף פערשטאַנען, וואָס דאָ איז געשעהען. דאַמאָלס, אין יענע יאָהרען, זענען אַזעלכע מעשיות, אַז מען פלעגט יודישע קינדער צו׳גנב׳ענען און אב׳שמד׳ען, נישט גע-ווען קיין זעלטענהייט. יודען האָבען דאַמאָלס געלעבט ווי הפקר. זיי האָבען קיין שום רעכט נישט געהאַט און מען האָט מיט זיי געקענט טהון וואָס מען האָט געוואָלט. זייער איינציגער כּוח זיך צו רעטען פון די צרות איז בעשטאַנען אין געלד. מיט געלד האָט מען געקענט אַלסדינג פּועל׳ן, אַ חוץ איין זאַך — בעפרייען קינדער פון דער שמד... קיים איז עס געלונגען צו כאַפּען אַ יודיש קינד און עס צו ברענגען אין אַ קלויסטער, איז גע-ווען פאַרפאַלען... אפילו דער קייזער האָט עס נישט מעהר געוואַגט זיך אַריינצומישען, ווייל דאָס קינד איז שוין בעטראַכט געוואָרען אַלס קריסטליך און מען האָט עס זיינע יודישע עלטערן נישט מעהר געקענט צוריק געבען...

רבי שמעון און זיין פרוי האָבען געיאָמערט און גע-קלאָגט, געלאָפען און געשיקט שליחים, געבעטען און גע׳חל׳ש׳ט. זיי האָבען אָנגעבאָטען זייער גאַנץ פערמעגען מען זאָל זיי צוריק געבען דאָס קינד. רבי שמעון איז אימער געלעגען ביי די פּריצים, זיי געוואָלט שענקען אַלע חובות וואָס ער האָט ביי זיי געמאָהנט, אַבי זיי זאָלען איהם פערהעלפען צוריק צו בעקומען זיין זוהן. אָבער עס איז געווען אומזיסט... אלחנן איז פערשוואונדען, ווי אַ שטיין אין וואַסער...

אלחנן איז דערווייל געבראַכט געוואָרען אין אַ קלויסטער, וואו

וואו מען האָט איהם אָבגעשמד'ט און ערצויגען אַלס קריסט.

אין דער ערשטער צייט האָט ער געוויינט און געקלאָגט. ער האָט שטאַרק געבענקט נאָך טאַטע-מאַמע און געפיהלט, אַז ער געפונט זיך צווישען גויים. אָבער זיין אָם וואָס איז מיט איהם געבליעבען, האָט איהם בערוהיגט און איינגענומען און ביסלעכווייז האָט ער פערגעסען אין זיין פערגאַנגענהייט און איז צופריעדען געוואָרען מיט זיין לאַגע. סוף כוף געוועזן אַ קינד, בפרט אַז מען האָט איהם זעהר פריינדליך בעהאַנדעלט און נאָכגעגעבען יעדען ווילען זיינעם.

אַזוי איז ער געוואָרען אַ רעכטער קריסט. האָט פלייסיג געלערנט די קריסטליכע רעליגיע, געהאַט אַ גוטן קאָפּ און געוואָרען איינער פון די בעסטע שילער.

ווען ער איז אונטערגעוואַקסען, האָט מען איהם געבּרענגט אין אַ שולע פאַר גלחים און איהם געלאָזט שטודירען אויף גלח.

אין דער שולע האָט זיך אלחנן ווידער אַרויסגעוויזען אַלס דער בעסטער שילער. דאָס וואָס אַנדערע האָבען געברויכט לערנען עטליכע יאָהר, האָט ער אויסגעלערנט אין גאָר אַ קורצער צייט. נאָך איידער ער איז געוואָרען פוליעהריג, האָט אלחנן געענדיגט דאָס שטודיום און איז געוואָרען גלח.

אַזעלכע משומדים זענען אין יענע צייטען געווען ביי די קריסטען זעהר חשוב, פיעל חשוב'ער פון געבוירענע קריסטען. די נשמה פון אַזאַ משומד — פלעגען זיי זאָגען — איז אַ הייליגע און עס איז איהר געלונגען זיך אַרויסצורייסען פון דעם יודענ־טהום און צוריק קומען צו איהר הייליגען קוואַל, דעם קריסטענטהום. איבערדעם פלעגט אַזאַ משומד קענען תמיד דערגרייכען די העכסטע שטעלעס. אַלע טהויערן זענען פאַר איהם

איהם געווען אָפען און ער האָט געקענט דערגרייכען צו וואָס ער האָט געוואָלט.

און אַזוי איז אונזער יונגער גלח באַלד אַוואַנסיערט און געוואָרען קאַנאָניק, בישאָף און אפילו ערצבישאָף.

ער איז נאָך געווען גאָר יונג, ווען ער האָט דערגרייכט צו ווערען ערצבישאָף. אָבער דאָס האָט נישט געשאַדט. וואָס עס איז נאָר פריי געוואָרען אַ הויך אַמט, האָט מען עס איהם אַקעגענגעטראָגען. דער יונגער ערצבישאָף איז געוואָרען א חשוב ביים קייזער, אַ ראָטגעבער ביי אַלע פּאָליטישע ענינים און וויכטיגער מאַן אין דער מלוכה.

אין זיין יוזענטהום האָט ער איינגאַנצען פערגעסען. ער אליין האָט נישט געוואוסט אַז ער שטאַמט פון יודען. און ווען ער פלעגט אַמאָל פרעגען וואו עס קומט וואָס ער האָט אזוי פיעל פּראָטעקציע און דערגרייכט צו די העכסטע שטופעס, בשעת ווען אַנדערע מוזען וואַרטען פיעלע יאָהרען, ביז זיי קענען קומען דערצו, פלעגט מען איהם ענטפערן, אַז ער איז דער זוהן פון אַ אַמאָליגען הויכען מיניסטער און זיינע אבות האָבען זיך ערוואָרבען גרויסע פערדיענסטע ביים קייזער.

---

ג.

## אֶלְחָנָן וֶוערְט פּויבְּסְט.

לאַנג איז דער יונגער ערצבישאָף נישט געזעסען אויף זיין שטוהל. באַלד איז ער געוואָרען קאַרדינאַל און בערופען געוואָרען קיין רוים צום פּויבסט.

צווישען די קאַרדינאַלען האָט ער פערנומען אַ הויכע שטעלע

שטעלע און פלעגט אָפט צו פערקעהרען פערזענליך מיט דעם פויבסט.

ווען דער סעקרעטער פון דעם פויבסט איז געשטאָרבען, איז אלחנן געוואָרען קאַרדינאַל-סעקרעטער און בעקומען די געלעגענהייט, צו האָבען צו טהון מיט אַלע פּאָליטישע ענינים פון פויבסט.

די פויבסטע זענען אין יענע צייטען געווען די מעכטיגסטע מענער אויף דער וועלט, זיי האָבען געהערשט איבער אַלע קעניגע און פירסטען און אין אַלע קריסטליכע מלוכות איז נישט געשעהען קיין שום זאַך אָהן זייער ווילען אָדער געגען זייער ווילען.

דער קאַרדינאַל-סעקרעטער האָט געמוזט זיין אַ מענש פון בעזונדערע פעהיגקייטען און דער יונגער סעקרעטער האָט באַלד בעוויזען, אַז ער איז ראוי צו דיעזע שטעלונג. ער פלעגט ערלעדיגען אַלע פּאָליטישע ענינים פיעל בעסער פון זיין פאָרגענגער און האָט איבערדעם שטאַרק נושא-חן געווען ביים פויבסט און ביי די קאַרדינאַלען.

ערשט ווען דער פויבסט איז שווער קראַנק געוואָרען און מען האָט גערעכענט, אַז ער וועט די קראַנקהייט נישט איבערלעבען, האָט זיך צווישען די קאַרדינאַלען אָנגעהויבען אַ שטילע מחלוקה דעריבער, ווער עס זאָל ווערען פויבסט און אַזוי ווי דער קאַרדינאַל-סעקרעטער האָט געגאָלטען פאַר דעם בעסטען קאַנדידאַט, האָט זיך געגען איהם ערוועקט אַ קנאה ביי די אַנדערע קאַרדינאַלען און מען האָט אָנגעהויבען צו אינטריגירען געגען איהם.

עטליכע פון די קאַרדינאַלען האָבען שוין אפילו געוואָלט אויסזאָגען דעם סוד, אַז דער קאַרדינאַל איז גאָר אַ יוד... אָבער זיי האָבען דערקענט, אז דאָס וועלען זיי נאָר שאָדען דעם

רוף

רוף פון פויפסט און די קאַרדינאַלען און האָבען ליעבער געשוויעגען.

דער פויבסט איז אָבער נעזונד געוואָרען און דער קאַר־דינאַל־סעקרעטער האָט איהם דערצעהלט, ווי מען האָט געגען איהם אינטריגיערט, ווען עס האָט זיך געדוכט אַז אָט וועט מען בעדאַרפען אַ נייעם פויבסט.

די מעשה האָט דעם פויבסט שטאַרק פערדראָסען. סטייטש, ער לעבט נאָך און די קאַרדינאַלען האָבען זיך שוין אָנגעזו־בען קריעגען וועגען דער ירושה... איבערדעם האָט ער די יעניגע וואָס האָבען אַם מייסטען געגען דעם סעקרעטער גע־אַרבייט, בעשטראָפט און אַוועקגעשיקט אין ווייטע מקומות, אַזוי אַז זיי וועלען ביי דער וואַהל פון אַ נייעם פויבסט גאָר נישט קענען דערגרייכען קיין רוים און וועלען קיין דעה נישט האָבען.

פון דער אַנדערער זייט האָט ער געלאָזט מודיע זיין די קאַרדינאַלען אַז לויט זיין מיינונג וואָלט דער סעקרעטער געווען דער בעסטער פויבסט, איבערדעם זאָל מען איהם ווע־לען, ווען ער, דער פויבסט, וועט שטאַרבען.

פון דער צייט אָן איז דער סעקרעטער געוואָרען נאָך שטאַרקער און דערהויבענער אין הויף פון פויבסט און קיין קאַרדינאַל האָט עס געוואַגט קעגען איהם אויפצוטרעטען.

און דער טאָג איז געקומען, ווען דער פויבסט איז גע־שטאָרבען און מען האָט בעדאַרפט וועהלען אַ נייעם פויבסט.

אַ געשטאָרבענער פויבסט האָט גאָר אַ קליינע דעה ביי די קאַרדינאַלען און בפרט אין פאַל, ווען זיי רעכענען, אַז ער האָט זיין ווילען מודיע געווען נישט מיט זיין רצון.

האָבען די קאַרדינאַלען אָנגעהויבען טענה'ן אַז דאָס וואָס דער פויבסט האָט אָנגעזאָגט אַז דער יונגער קאַרדינאַל־סעקרעטער וואָלט געווען דער בעסטער קאַנדידאַט, איז געשעהען נאָר צו־

ליעב

ליעב דם, וואָס דער פּויבסט איז שוין געווען אַלט און שוואַך און דער סעקרעטער האָט זיך צו איהם צוגעשמייכעלט... איבער־ דעם מעג מען וועהלען פאַר פּויבסט וועמען מען וויל.

און זיי האָבען אַבזיכטליך אַזוי לאַנג געצעגערט מיט דער וואַהל, ביז עס האָבען געקענט קומען קיין רוים אויך די קאַרדינאַלען פון די ווייטע לענדער. און איצט האָט זיך אָנ־ געהויבען אַ קאַמפּף צווישען די פערשיעדענע קאַנדידאַטען.

עטליכע וואָכען האָט געדויערט, ביז די קאַרדינאַלען האָבען זיך געקענט איינינגען. יעדען טאָג האָט מען צוויי מאָל, פאַרמיטאָג און נאָכמיטאָג אָבגעשטימט. אָבער קיין איינציגער פון די קאַנדידאַטען האָט בעקומען די מעהרהייט.

ערשט ווען די קאַרדינאַלען זענען מיעד געוואָרען פון קאַמפּף און פון זיצען איינגעשלאָסען אין בעזונדערע חדרים (ליט דעם מנהג ווערען די קאַרדינאַלען, וואָס ברויכען וועהלען אַ פּויבסט, איינגעשלאָסען אין בעזונדערע צימערן און בלייבען אָבגעשלאָסען פון דער גאַנצער וועלט, ביז זיי איינינגען זיך און וועהלען דעם פּויבסט), האָבען זיי בעשלאָסען, אַז מען זאָל זיך איינינגען אויף דעם קאַנדידאַט, וואָס וועט אין אַ געוויסער אָבשטימונג בעקומען מעהר שטימען פון די אַנדערע, אפילו ווען ער בעקומט נישט דעם רוב פון אַלע שטימען. און גראָד האָט דער יונגער קאַרדינאַל־סעקרעטער בעקומען אין דיעזען טאָג אַ מעהרהייט שטימען און אַזוי איז ער געוועהלט געוואָרען אַלס פּויבסט.

די קאַרדינאַלען האָבען איצט דערקענט אַז עס איז געווען שוין פון פריהער אַ באַשערטע זאַך, אַז דער סעקרעטער זאָל ווערען פּויבסט און אַז די ווערטער פון דעם פערשטאָר־ בענעם פּויבסט זאָלען מקוים ווערען. איבערדעם האָבען זיי אויפ־ געגעבען יעדען ווייטערען קאַמפּף און דער נייער פּויבסט האָט געקענט

געקענט איבערנעהמען די מלוכה איבער דער גאַנצער קריסט־ליכער וועלט.

און אַזוי איז אלחנן, דער זוהן פון רבי שמעון בן יצחק פון מאַינץ, געוואָרען פּויבסט...

---

ד.

# יָאהרֶען פון וַוארְטֶען.

רבי שמעון און זיין פרוי האָבען די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט צו טרויערען נאָך זייער בן יחיד. רבי שמעון האָט אויפגעגעבען אַלע זיינע עסקים און נאָר געזעסען טאָג און נאַכט און געלערנט. נאָר די הייליגע תורה איז געווען זיין טרייסט אין די פיעל יאָהרען זייט אלחנן איז פערשוואונדען געוואָרען. זיין ווייב ווידער האָט געווידמעט איהר גאַנצע צייט פאַר עניי־צדקה, האָט זיך בעשעפטיגט מיט דעם שפּיטאָל, מיט די יתומים, מיט די קראַנקע פון דער קהלה און געזוכט צו פערגעסען אין איהר צער. אָבער עס האָט נישט געהאָלפען, דאָס בענקשאַפט נאָך דעם איינציגען קינד האָט נישט געוואָלט אויפהערען.

כאָטש עס זענען פאָריבער אַזוי פיעל יאָהרען און רבי שמעון איז שוין געווען אַ אַלטער מאַן, האָט ער נישט אויפ־געהערט צו האָפען, אַז עס וועט איהם נאָך זיין באַשערט, זיך צו זעהען מיט זיין זוהן און אַז יענער וועט זיין אַ יוד...

אָפט פלעגט זיך איהם חלומ'ען אַז ער זעהט זיין אלחנן. באַלד אַלס גרויסען רב, באַלד אָבער אין גלחישע קליידער. ער האָט זיך די חלומות אַליין פּותר געווען, אַז ביידע זאַכען וועלען מקויים ווערען. אלחנן וועט זיין אי אַ גלח אי אַ רב — און דאָס

האָט

האָט נאָך פערשטאַרקט זיינע האָפנונגען.

די לאַגע פון די יודען האָט זיך דערווייל פערערגערט. נייע גזרות און צרות זענען געקומען און מען האָט כסדר בע־דאַרפט האָבען שתדלנים, צו געהען צום בישאָף, צו די פירסטען און צום קייזער, בעטען רחמים פאַר יודען.

טראָץ זיין הויכען אַלטער פלעגט רבי׳ שמעון זיך קיין־מאָל נישט אָבזאָגען, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען טובת הכלל. ער איז איבעראַל נאָך געווען זעהר חשוב און פלעגט פועל׳ן.

פון צייט צו צייט פלעגט אָבער אַ טרויעריגע מחשבה עגבערן זיין מוח: איך בין שוין אַלט... ווי לאַנג וועל איך נאָך לעבען? וואָס וועט אָבער זיין אַז איך וועל שוין נישט זיין? ווער וועט קומען אויף מיין אָרט און זיך אָננעהמען פאַר די יודען? וואָלט מיין זוהן געלעבט, וואָלט ער זיכער פער־נומען מיין שטעלע, אָבער ער איז נישטאָ...

די האָפנונג אָבער, אַז עס וועט איהם נאָך זיין באַשערט צו זעהען זיין אלחנן, פלעגט איהם אויך דאָ טרייסטען.

איך וועל איהם דאָך נאָך זעהען... איך וועל איהם איבערגעבען מיין פערמעגען און מיינע חשיבות. ער איז יונג און וועט האָבען מעהר כּח צו אַרבייטען פאַר טובת-הכלל... און אפשר איז דאָס גאַנצע גאָר געשעהען, נאָר כדי צו העל־פען די יודען? ווער ווייס וואו מיין אלחנן געפונט זיך, אפשר איז ער גאָר ביים קייזער אין הויף און ווען ער וועט צוריק ווערען אַ יוד, וועט ער האָבען אַ גרויסע דעה ביי איהם?..

אָט דיזע געדאַנקען פלעגען דעם אַלטען רבי שמעון געבען כּח, צו וואַרטען און נישט צו פערצווייפלען. ער פלעגט דאַריבער רעדען מיט זיין ווייב און זי טרייסטען ווען זי פלעגט ווינען נאָך איהר זוהן.

איינמאָל

איינמאָל, ווען רבי שמעון איז געגאַנגען אין שכאָדט, האָט ער בעגעגענט די קריסטליכע אַם, וואָס איז דאַמאָלס פערשוואונדען געוואָרען מיט אלחנן.

רבי שמעון האָט זי דערקענט, אַריינגערופען אין זיין הויז און געבעטען, זי זאָל איהם זאָגען וואָס מיט זיין קינד איז געשעהען, וואו עס געפונט זין איצט און וואָס עס איז. ער האָט איהר צוגעזאָגט געבען געלד, וויפיעל זי וויל אַליין. נאָר זי זאָל איהם אויסזאָגען דעם אמת.

די קריסטליכע אַם האָט אָבער נישט געוואוסט וואו אלחנן איז אַהינגעקומען. זי האָט דערצעהלט, דאָס זי האָט איהם איבערגעגעבען דעם גלח און מעהר ווייסט זי פון גאָר נישט. זי קען אויך נישט וויסען צו לעבט ער נאָך און וואָס פון איהם איז געוואָרען.

אלחנן'ס מוטער האָט געמיינט אַז די אַם וויל נישט אויסזאָגען און בודאי לעבט ער נישט מעהר. איהר שמערץ איז נאָך געוואָרען גרעסער ווי ביז יעצט.

אָבער רבי שמעון האָט געהאַלטען ביי זיינעם, אַז אלחנן לעבט און אַז ער וועט נאָך דערלעבען איהם צו זעהען אַלס יוד. זיין הארץ האָט איהם געזאָגט אַז דיעזע יודישע נשמה וועט פאַר דעם יודישען פאָלק נישט פאַרלוירען געהען.

---

ה.

## רבי שמעון ביים פויבסט.

די לאַגע פון די יודען אין דייטשלאַנד האָט זיך כסדר פערערגערט. כסדר נייע רדיפות און גזירות זענען געקומען

און

און נישט תמיד איז עס געלונגען זיי אָבצווענדען. פיעלע יודישע קהלות האָבען דערלעבט פּאָגראָמען און זענען אינגאַנ־צען חרוב געוואָרען. פון פיעל אַנדערע האָבען זיך די יודען קוים גערעטעט מיט דעם נאַקעטען לעבען.

דער דאַמאָלסדיגער דייטשער קייזער הייגריך דער צווייטער איז געווען אַ גרויסער פאַנאַטיקער און האָט דוקא געוואָלט די יודען בעקעהרען צום קריסטענטהום. אונ אַזוי ווי די יודען האָבען נאַטירליך נישט געוואָלט ערפילען זיין ווילען, איז ער געוואָרען שטאַרק אין כעס און האָט זיי אָנגעהויבען צו דער־קוטשען. אונטער זיין הערשאַפט האָבען די יודענפיינד געקענט טהון וואָס זיי האָבען געוואָלט. קיינער האָט נישט געשטערט זייער האַס געגען די יודען. וואָס פאַר אַ בלבול מ׳האָט אויף זיי געמאַכט, אַלסדינג האָט דער קייזער געגלויבט. יעדע גזרה וואָס מ׳האָט איהם פאָרגעלעגט האָט ער אונטערגעשריעבען. עס האָבען נישט געהאָלפען קיין שתדלנים, קיין בעטען, קיין געלד.

זעהענדיג, אַז טראָץ פון די אַלע פערפאָלגונגען זענען די יודען איינגעשפּאַרט און ווילען נישט אָננעהמען די קריסטליכע רעליגיע, האָט דער קייזער צוזאַמענגערופען זיינע ראַטגעבער און געבעטען מען זאָל געפינען אַ וועג ווי אַזוי די יודען צו צווינגען זיי זאָלען אויפגעבען זייער עקשנות.

עס האָבען זיך ביי דער בעראַטונג געהערט פערשידענע מיינונגען. איין מיניסטער האָט געראָטהען, מ׳זאָל כאַפּען אַלע יודישע קינדער און זיי מיט געוואַלט פיהרען צו דער שמד, וועלען די יודען נאָך אין אַ דור אינגאַנצען פערשוואונדען. האָט אָבער אַ אַנדערער איינגעווענדעט, אַז די יודען וועלען זייערע קינדער בעהאַלטען און עס וועלען ווייטער פערבלייבען יודען.

אַ אַנדערער מיניסטער האָט ערקלערט דאָס מ׳מוז כאַפּען אַלע

אַלע יודישע מיידלעך און זיי חתונה מאַכען מיט קריסטען, זאָלען זיך די יודען נישט קענען פערמעהרען און ממילא אויסשטאַרבען. אָבער אויך דיעזע עצה איז נישט געפעלען, וואָרין אויך די מיידלעך קענען ווערען בעהאַלטען.

צום סוף האָט איין מיניסטער געפונען אַ נייעם וועג: צווינגען אַלע יודען מיט איינמאָל זיך שמד׳ען, דאָס געהט נישט, מוז מען דאָס טהון שטעדט-ווייז. די יודען פון יעדער שטאָדט זאָלען בעזונדער אויפגעפאָדערט ווערען אָנצונעהמען דאָס קריסטענטהום, אויב נישט, וועלען זיי ביז צו אַ געוויסער צייט ווערען אַרויסגעטריעבען. דאָס וועט גיכער העלפען, ווייל די יודען פון דער שטאָדט וועלען רעכנען אַז עס בלייבען נאָך גענוג יודען אין די אַנדערע שטעדט און וועלען איבערדעם גיכער איינוויליגען אָנצונעהמען די שמד. דערנאָך וועט מען דאָס זעלבע טהון מיט די יודען פון די אַנדערע שטעדט.

אָט דיעזע עצה איז דעם קייזער געפעלען געוואָרען און אַזוי ווי אין מאַינץ האָט גראָד דאַמאָלס געלעבט די גרעסטע און רייכסטע יודישע קהלה, איז געוואָרען בעשלאָסען, די גזירה צוערשט אָנצווענדען געגען מאַינץ. אויב די יודען פון דיעזער קהלה וועלען נאָכגעבען, וועלען די אַנדערע אויך טהון, וואָס מען וועט פון זיי פערלאַנגען. אויב אָבער די מאַינצ׳ער יודען וועלען בלייבען איינגעשפאַרט, אַזוי וועט דאָך די גרעסטע און רייכסטע קהלה חרוב ווערען און מען וועט פטור ווערען פון איהר.

און די גזרה איז טאַקי פערעפענטליכט געוואָרען. מ׳האָט די יודען פון מאַינץ בעשטימט אַ טערמין פון דריי חדשים, זיי זאָלען אָננעמען די שמד — אָדער פערלאָזען די שטאָדט, איבערלאָזענדיג זייער גאַנצער פערמעגען...

ווען די גזרה איז בעקאַנט געוואָרען, האָט די גאַנצע

קהלה

קהלה זיך געווענדעט צו רבי שמעון, וויסענדיג, דאָס אויב עס וועט בכלל זיין מעגליך דאָס אונגליק אָבצווענדען, אַזוי קען דאָס נאָר געלונגען דורך די השתדלות פון רבי שמעון.

רבי שמעון האָט טאַקי אונטערגענומען אַלע מעגליכע מיטלען וואָס האָבען געקענט העלפען. ער איז געלאָפען צו אַלע בעקאַנטע גראַפען און פירסטען, האָט אָנגעבאָטען געלד, געבעטען און געיאָמערט, נאָגעוויזען, אַז די מלוכה וועט האָבען אַ גרויסען שאָדען, ווען מען וועט די יודען אַרויסטרייבען.

אָבער עס איז געווען אומזיסט. דער כעס פון קייזער אויף די יודען איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט ערקלערט, יעדער וואָס וועט זיך פאַר זיי אָננעהמען, וועט בעשטראָפט ווערען מיט דעם טויט. האָבען אפילו די מיניסטאָרען נורא געהאַט עפּיס צו טהון, כאָטש זיי זענען בכלל נישט געווען קיין פיינד פון געלד נעהמען.

און זעהענדיג, דאָס אַלע השתדלות העלפען נישט און אז דערווייל דערנעהנטערט זיך דער טערמין פון דער גזירה, האָט די קהלה בעשלאָסען צו שיקען אַ דעפּוטאַציע צום פּויבסט און איהם בעטען דאָס ער זאָל פּועל'ן ביים קייזער מבטל צו מאַכען די גזירה.

דער פּויבסט איז געווען בעקאַנט פאַר אַ גוטען מענש, וואָס האָט ליעב געהאַט גערעכטיגקייט. אין רוים גופא זענען אונטער זיין הערשאַפט אָבגעשאַפט געוואָרען אַלע גזירות געגען די יודען. איבערדעם האָט מען גערעכענט אַז עס וועט געלונגען צו פּועל'ן ביים פּויבסט דאָס די גזירה זאָל בטל ווערען.

רבי שמעון איז געוועהלט געוואָרען צום פיהרער פון דער דעפּוטאַציע, וועלכע האָט אויך מיטגענומען עמפּפעהלונגס-בריעף פון אַלע גרויסע רבנים אין דייטשלאַנד צו די יודען אין

רוים, בייצושטעהן דער דעפוטאַציע און איהר צו העלפען, דערגרייכען איהר ציעל.

קיין אייזענבאַהנען זענען נאָך דאַמאָלס נישט געווען, אויך קיין אויטאָמאָבילען. די רייזע פון מאַינץ קיין רוים האָט פערנומען עטליכע וואָכען.

ווען די דעפוטאַציע איז אָנגעקומען אין רוים, האָט זי צוערשט בעזוכט די דאָרטיגע קהלה און געבעטען איהר צו העלפען אין דעם שתדלנות די קהלה האָט דאָס צוגעזאָגט און געהאָלפען אַז די דעפוטאַציע זאָל וואָס גיכער ווערען אויפ־גענומען ביים פויבסט.

---

ו.

## פּאַטער און זוהן.

דער פויבסט האָט די דעפוטאַציע אויפגענומען זעהר פריינדליך און מיט גרויס כבוד און האָט איהר צוגעזאָגט צו ערפילען איהר בקשה.

— עס איז נישט גלייך צו צווינגען מענשען זיי זאָלען פערלאָזען זייער רעליגיע און אָננעהמען אַ אַנדערע, ווייל זיי וועלען קיינמאָל נישט זיין קיין גוטע קריסטען. מ׳ברויך די יודען נאָר אויפצוקלערען, אַז די קריסטליכע רעליגיע איז די איינציג אמת׳ע, אָבער צווינגען מיט גזירות און גירושים דאָס זאָל מען נישט.

אזוי האָט דער פויבסט ערקלערט און צוגעזאָגט, אַז ער וועט בען צום קייזער און איהם הייסען מבטל מאַכען די גזירה.

דער

דער פיהרער פון דער דעפוטאַציע, רבי שמעון, האָט געהאַלטען אַ שעהנע רעדע צום פויבסט, וועלכע איז איהם שטאַרק געפעלען. בעזונדער האָט איהם אימפּאָניערט די שעהנע, פּאַטריאַרכאַלישע געשטאַלט פון דעם אַלטען רב מיט זיין ווייסער באָרד און מיט זיינע אויגען פון יוגענדפייער.

נאָך דער אוידיענץ האָט דער פויבסט געבעטען רבי שמעון צו זיך אין קאַבינעט און איהם אויסגעפרעגט איבער די יודען אין דייטשלאַנד, איבער די פּאָליטישע פערהעלטניסע אין לאַנד און האָט זיך דאַביי מיט איהם אריינגעלאָזט אין אַ לענגערען ויכוח איבער רעליגיע און פילאָזאָפיע.

וואָס לענגער רבי שמעון האָט גערעדט מיט דעם פויבסט אַלץ מעהר האָט זיך איהם געדוכט אַז ער קומט איהם פאָר בעקאַנט. עפּעס האָט דער פויבט אַזאַ יודיש פנים, יאָ, ער איז גאָר עהנליך צו איהם, צו רבי שמעון. דאָס זעלבע פּנים, די זעלבע אויגען, דער זעלבער שניט פון דעם מונד און פון דעם שטערן.

ווען ער זאָל נישט מורא האָבען צו פערלעצען דעם כבוד פון פויבסט, וואָלט ער איהם תיכף געפרעגט צו ער שטאַמט נישט אָב פון מאַינץ.

אָבער דאָס קען דאָך נישט זיין. וואו קומט דער פויבסט אָבצושטאַמען פון מאַינץ און נאָך דאַצו פון יודען...

אָבער עס איז פאָרט אַ מערקווירדיגע עהנליכקייט צווישען איהם און דעם פויבסט...

און בשעת ער אונטערהאַלט זיך מיט איהם, קומט צו רבי שמעון דער געדאַנק, אַז אפשר איז דאָס טאַקי זיין זוהן אלחנן...

אין זיינע מחשבות רעכענט ער אויס, אַז דאָס אַלטער פון ביידע שטימט. דער פויבסט איז אַלט 35 יאָהר. אַט גראָד

אזוי

אַזוי אַלט וואָלט געווען ... ן אלחנן, ווען ער לעבט נאָך. דער פּויבסט האָט אַ אויסערגעוועהנליך שאַרפען מוח, דאָס איז נאָר אַ גמרא-קאָפּ... וואָס לענגער רבי שמעון בלייבט ביים פּויבסט, אַלץ שטאַרקער ווערט זיין געדאַנק אַז דאָס איז זיין אַלחנן.

אָבער אויך דער פּויבסט בעטראַכט אַזוי מערקווירדיג דעם פרעמדען גאַסט. אויך אין זיינע געדאַנקען לעבט אויף עפּעס אַ פערווישט בילד... וואו האָט ער דעם אַלטען יוד שוין אַמאָל געזעהען? אויך איהם דוכט זיך אַז צווישען איהם און דעם פרעמדען איז פערהאַנען עפּעס אַ עהנליכקייט.

וואָס לענגער דיביידע בלייבען מיט איינאַנדער אין געשפּרעך, אַלץ שטאַרקער פיהלט זיך איינער צום אַנדערען צוגעצויגען. דער פּויבסט און דער יוד — עפּעס פיהלט איינער אַ וואַרם הארץ צום אַנדערען...

אין דרויסען, אין גרויסען אוידיענץ-זאַל, שטעהען די קאַרדינאַלען און וואונדערן זיך וואָס האָט דער הייליגער פאָטער אַזוי פיעל צו רעדען מיט דעם יוד? זיי, די קאַרדינאַלען, איז עס בכלל נישט געפעלען וואָס דער פּויבסט האָט זיך דערקלערט גרייט צו ערפילען די בקשה פון די יודען. וואָס געהט עס איהם אָן, וואָס דער קייזער וויל טהון מיט זיינע יודען? און דאָ לאָזט זיך נאָך דער פּויבסט אריין אין אַ געשפּרעך מיט דעם יוד...

איינער פון זיי איז צוגעגאַנגען און צוגעלעגט דאָס אויער צו דער טהיר, וועלענדיג הערען וועגען וואָס דער פּויבסט שמועסט מיט דעם יוד.

גראָד איז דאָס געשפּרעך געווען וועגען דער פּאָליטישער לאַגע אין דייטשלאַנד.

— אַה! — האָט דער קאַרדינאַל צו זיינע חברים געזאָגט — מען שמועסט פון פּאָליטיק. איצט פערשטעה איך שוין...

און

און דערווייל איז דאָס געשפּרעך צווישען דעם פּויבּסט און רבי שמעון געגאַנגען ווייטער און רבי שמעון האָט וואָס מעהר שטאַרקער דערקענט אַז ער איז זיך נישט טועה און אַז דער פּויבּסט איז טאַקי נישט קיין אַנדערער, ווי זיין זוהן אלחנן...

נאָר ווי אַזוי איבּערציינגט מען זיך דאַפון? ער קען דאָך דעם פּויבּסט נישט פרעגען, צו איז ער טאַקי אַ יודיש קינד געבּוירען, אַז ער וועט וואַרשיינליך אַליין גאָר נישט וויסען, וואָרין ער איז דאָך אַוועקגערויבּט געוואָרען ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין קינד...

און אָט דערמאַנט זיך רבי שמעון אין דעם פּיוט צו ראש השנה און אין דעם זאַץ „אל חנן נחלתו בנועם"... און ווי נישט וועלענדיג ציטירט ער פּלוצים די ווערטער פאַר דעם פּויפּסט...

אין דיעזער מיגוט איז פאַר דעם פּויבּסט געשטאַנען דאָס בּילד פון זיין יוגענד. די פאָר ווערטער וואָס זיין פאָ־טער האָט איהם פערטייטשט, ווען ער איז אלט געווען 4 יאָהר, האָבּען אין זיין זכרון צוריק גערופען די ערינערונג אין זיין יוגענד. דאָס, וואָס איז אַזויפיעל יאָהר געלעגען ווי בּעהאַלטען אין זיין האַרץ איז וויעדער אַרויפגעקומען. אין קוים עטליכע סעקונדען איז פאַר זיין פאַנטאַזיע אַריבּערגעלאָפען זיין גאַנץ לעבּען און בּילדער, וואָס ער האָט זיי נישט פערשטאַנען, זענען פאַר איהם געוואָרען קלאָר.

אָט דער אַלטער יוד וואָס איז אַזוי ענהליך צו איהם און צו וועלכען ער פיהלט זיך אַזוי צוגעצויגען, דאָס איז קיין אַנדערער, ווי זיין פאָטער.

און ער וואַרפט זיך רבי שמעון אויף דעם האַלז און רופט:

„מיין פאָטער! מיין פאָטער".

די

די איבערראַשונג פון רבי שמעון איז נישט צום בע־שרייבען... אָט איז דער חלום פון זיין לעבען מקויים געוואָרען.

---

ז.

# דֶער פּוֹיבְּסְט פֶּערְשְׁוְוינְדֶעט.

איצט איז רבי שמעון שוין געבליעבען ביים פויבסט און האָט זיין זוהן דערצעהלט אַלסדינג, וואָס איז אין די פיעלע יאָהרען פאָרגעקומען אין דער היים.

דער פויבסט ווידער האָט זיין פאָטער געשילדערט אַלסדינג וואָס עס האָט מיט איהם פּאַסיערט אין די פיעלע יאָהרען, זייט ער איז אַוועקגערויבט געוואָרען פון דעם עלטער־ליכען הויז.

און דערנאָך האָבען זיי צווישען זיך אָנגעהויבען צו בע־ראַטען, וואָס עס זאָל ווייטער געשעהען.

צוויי וועגען זענען געשטאַנען אָפען. אלחנן האָט ווייטער געקענט בלייבען פויבסט און בענוצען זיין שטעלונג, צו העלפען די יודען.

אָדער ער האָט געקענט פערלאָזען זיין שטעלונג און צוריק ווערען אַ יוד.

וואָלט געווען אַ מעגליכקייט ער זאָל ווידער קענען לעבען ווי אַ יוד אָפען און פריי, אַזוי וואָלט ער אפילו נישט געקלערט קיין מינוט, וואָס ער האָט צו טהון.

אָבער די מעשה איז דאָך גאָר אַן אַנדערע אויב ער וויל פערלאָזען זיין שטעלונג אַלס פויבסט, מוז דאָס געשעהען בכבוד

גאָ־

גאַנץ געהיים. ער וועט מוזען אַנטלויפען ביי נאַכט און פער־שווינדען, מען זאָל נישט וויסען, וואו ער איז אַהין געקומען. ער וועט אויך נישט טאָרען לעבען מיט זיינע עלטערן, נאָר זיך מוזען בעהאַלטען ערגיץ אין דער פרעמד. דאַביי איז נאָך פאַרהאַנען די געפאַהר, אַז מען וועט זאָגען, דאָס די יודען האָבען איהם אָנגערעדט, ער זאָל אַזוי טהון און צוריק ווערען אַ יוד, און דאַמאָלס וואָלטען זיי אויף זיך געהאַט אַ שווער פעקיל...

בלייבט ער אָבער פויבסט, אַזוי קען ער ווייטער בסוד זיין אַ יוד און ווי ווייט מעגליך אָבהיטען תורה און מצוות. ער קאָן אָבער צוגלייך בענוצען זיין דויבע שטעלונג, צו העל־פען די יודען און זיי צו בעשיצען פאַר יעדער צרה.

איבערדעם איז די מיינונג פון פויבסט געווען, ער זאָל בלייבען ווענינסטענס פאָרלייפיג. שפעטער אַמאָל וועט ער אפשר אין גאַנצען ווערען אַ יוד.

רבי שמעון אָבער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז גאָר קיין פלאַן נישט. מען ווייסט דאָך ביי די קאַרדינאַלען זיכער, ווער דער פויבסט איז און אויב ער וועט זיך כסדר אָננעהמען פאַר די יודען, וועלען זיי דערקענען, אַז דאָס קומט פון זיין יודיש האַרץ און זיי וועלען טראַכטען איהם צו שטערען אין זיין אַר־בייט לטובה פון זיין פאָלק.

ווי מעכטיג דער פויבסט זאָל נישט זיין, די קאַרדינאַלען זענען דאָך שטאַרקער פון איהם. אויב זיי וועלען, למשל, צו איהם קיין יודישע דעפוטאַציעס נישט צולאָזען, וועט ער קיינ־מאָל נישט קענען וויסען וואָס עס טהוט זיך מיט זיינע ברו־דער... ער אַליין ווייסט דאָך ווי ווייט ער האָט געקענט האָבען די מאַכט, ווי לאַנג ער איז געווען קאַרדינאַל־סעקרעטער... ווי אָפט האָט ער דורכגעזעצט זיין ווילען אפילו געגען דעם

פויבסט

פּויבסט אַליין... וועט ער בלייבען אַ קריסט, וועט ער נישט קענען קומען צו קבר ישראל — און וועט די יודען אויך נישט העלפען.

אַזוי אָבער ווען ער ווערט צוריק אַ יוד, וועט ער וועניגסטענס קענען ראַטעווען זיין אייגענע נשמה. און בנוגע צו די יודען, איז גאָט אַ פאָטער אין הימעל. ער וועט זיי שוין צושיקען די ישועה אויף אַ אַנדערען וועג.

לאַנג האָבען פאָטער און זוהן צווישען זיך געשמועסט און זיך אויסגעטענה'ט ביז דער פּויבסט האָט ערקלערט, אַז ער איז גרייט צו דערפילען דעם וואונש פון זיין פאָטער און צוריק ווערען אַ יוד. אָבער ער קען דאָס נישט טהון תיכף. ער מוז אָבוואַרטען ביז עס וועט זיך איהם מאַכען אַ געלעגענ־הייט און ער וועט קענען פערשווינדען, קיינער זאָל נישט מערקען, וואָס עס איז געשעהען און וואו ער איז אַהינ־געקומען.

רבי שמעון איז אַהיים געפאָהרען. ער האָט נישט נאָר דער קהלה געבערענגט די בשורה אַז די גזרה פון דעם קייזער ווערט בטל, נאָר אויך זיין ווייב די ידיעה, אַז זייער זוהן לעבט און אַז זיי ועלען נאָך האָבען דאָס גליק איהם צו האָבען ביי זיך אין הויז. ווען גאָט וועט זיי שענקען דאָס לעבען.

די פרייד פון דער מוטער איז גאָר נישט צום בעשריי־בען, זי האָט געדאַנקט און געלויבט גאָט, וואָס ער בעווייזט איהר אַזאַ גנאָד. די פיעלע יאָהרען וויינען און קלאָגען זענען באַלד פערגעסען געוואָרען און זי האָט נאָר געהאַט איין געבעט: גאָט זאָל זי לאָזען לעבען ביז צו דער מינוט, וואָס איהר זוהן וועט קומען אַהיים,

דאָס איז אָבער נישט געגאַנגען אזוי גיך. דער פּויבסט

פלעגט

פלעגט זעלטען צו פערלאָזען זיין פּאַלאַסט, דעם וואַטיקאַן, אין וועלכען עס געפונען זיך די שעהנסטע גערטנער, ברונעמס, קירכען וועגען און שטעגען. אָט דער וואַטיקאַן איז אַ שטאָדט פאַר זיך און מען קען דאָרט פערברענגען דאָס גאַנצע לעבען, נישט ברויכענדיג אַרויס צוקומען... חוץ דעם איז דאָך דער פּויבסט קיינמאָל נישט געווען אַליין. אפילו ווען ער פלעגט אַרומגעהען שפּאַצירען, זענען תמיד געווען אַרום איהם די קאַרדי־נאַלען און זיין גוואַרדיע. אַנטלויפען וואָלט ער געקענט נאָר שפּעט אין דער נאַכט, דאַמאָלס אָבער זענען אַלע טהויערן בעוואַכט און ווי אַזוי וועט ער קענען אַרויסקומען? בפרט אַז ער איז קיינמאָל נישט געווען אין די גאַסען פון דער שטאָדט און ווייסט אפילו נישט וואו ער וועט זיך קענען בעהאַלטען.

אַזוי האָט ער געוואַרט אַ צייט. אין וואַטיקאַן האָט מען שוין פערגעסען אין דער יודישער דעפּוטאַציע און גאָר נישט גערעכענט אַז דער פּויבסט האָט עפּעס געשעפטען מיט די יודען... דאָס לעבען האָט זיך געפיהרט ווי תמיד.

דער פּויבסט האָט דערקענט אַז אָהן פרעמדער הילף וועט ער נישט קענען אויספיהרען זיין פּלאַן, ער מוז זיך אימיצען אָנפערטרויען. די פראַגע איז נאָר וועמען? וועמען קען מען אויסזאָגען אַזאַ סוד און ביי וועמען קען מען זיין זיכער, אַז ער וועט דאָס געהיימניס נישט פערראַטען?

ער האָט געקלערט און געקלערט און נישט געקומען צו קיין שום בעשלוס.

ביז עס איז איהם איינמאָל צו הילף געקומען דער צופאַל.

דער פּויבסט האָט געהאַט אַ טרייען דינער, וואָס פלעגט איהם תמיד דערצעהלען וואָס עס געהט פאָר אין וואַטיקאַן, וואָס די קאַרדינאַלען טהון וואָס זיי רעדען וכדומה. יעדער פּויבסט האָט

געהאוסט

געוואוסט אַז די קאַרדינאַלען וואָס האָפען אַמאָל צו קענען פערנעהמען זיין שטעלע, זענען איהם נישט קיין גוטע פריינד. יעדער פון זיי וואָלט שוין געוואָלט עס זאָל קומען צו אַ נייער וואַהל פון פּויבסט, כדי ער זאָל האָבען די מעגליכקייט צו אַרבייטען פאַר זיין וואַהל. און איבערדעם האָט יעדער פון די פּויבסטע געהאַט אַ אינטערעס צו וויסען, ווי אַזוי די קאַרדינאַלען פיהרען זיך אויף און צו דערקענען ווער עס איז זיין אמת'ער פריינד און פאַר וועמען ער מוז זיך היטען.

אָט דיעזער דיענער האָט אַמאָל דעם פּויבסט דערצעהלט אַז ער האָט זיך אונטערגעהערט, ווי די קאַרדינאַלען האָבען צווישען זיך גערעדט און ווי איינער האָט געזאָגט אז זיי אַלע זעלען מוזען גרוי און אַלט ווערען איידער עס וועט קומען צו אַ נייער פּויבסט-וואַהל, וואָרום מען האָט איצט גאָר אַ יונגען פּויבסט, וועלכער קען נאָך זעהר לאַנג לעבען.

דעם פּויבסט זענען די ווערטער אין דער נאָז אַריין. אָט יענעם קאַרדינאַל שטעה איך אין וועג, ער האָט קיין צייט צו וואַרטען ביז איך וועל שטאַרבען. אפשר מעג מען איהם אָנפערטרויען דעם כּוד און מיט זיין הילף דורכפיהרען דעם פּלאַן פון זיין אַנטלויפען.

ער האָט זיך אָנגעהויבען צו חבר'ען מיט דעם קאַרדינאַל, איהם אָפט איינלאַדען צו זיך, כדי צו דערקענען וואָס פאַר אַ מענש דאָס איז, צו מעג מען מיט איהם רעדען אָפענע ווערטער.

דער קאַרדינאַל האָט זיך אַרויסגעוויעזען פאַר אַ פּשוט'ן מענש, אָהן חכמות. ער איז אַפילו געוועזען זעהר עהרגייציג און וואָלט גערן געוואָרען פּויבסט. אָבער זיך אַריינלאָזען אין אַ פערוויקעלטען ענין — דאָס וועט ער שוועך טהון.

קען מען, הייסט עס, מיט איהם דירעקט נישט רעדען...

אָבער

אָבער מען מוז פערשטאַרקען זיין חשק צו דער שטוהל פון פויבסט.

דער פויבסט האָט דאַרויף זיך עטליכע מאָל אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס מיט דעם קאַרדינאַל, איהם אויסגעפרעגט, ווער עס וואָלט נאָך זיין מיינונג געווען דער ריכטיגער קאַנדידאַט אויף פויבסט, ווען ער, דער פויבסט, וואָלט געשטאָרבען.

— עה, וואָס איז דאַפון צו רעדען! — האָט דער קאַרדינאַל געענטפערט — איהר זייט נאָך אַזוי יונג... מיר דוכט זיך אַז קיין איינציגער פון די היינט לעבענדע קאַרדינאַלען וועט דערלעבען אַ נייע וואַהל פון פויבסט...

אָבער דער פויבסט האָט געענטפערט, אַז דאָס קען מען גאָר נישט וויסען. מיר זענען אַלע אין גאָט׳ס האַנד. אַ יונגערמאַן קען נאָך פריהער שטאַרבען ווי אַ אַלטער...

דאָס געשפרעך האָט זיך געפיהרט ווייטער און דער פויבסט האָט דעם קאַרדינאַל געגעבען אָנצוהערען, אַז לויט זיין מיינונג וואָלט ער, דער קאַרדינאַל, געווען דער ריכטיגסטער קאַנדידאַט. ווען איך זאָל היינט בעדאַרפען אָבגעבען מיין שטימע, וואָלט איך זי נאָר אייך געגעבען... די אַנדערע קאַרדינאַלען זענען צופיעל פּאָליטיקער. מיר בעדאַרפען היינט אַ פויבסט וואָס זאָל זיך בעשעפטיגען נאָר מיט די ענינים פון דער רעליגיע... איך אַליין, איך זאָג דעם אמת, בין אויך צופיעל פּאָליטיקער און עס וואָלט געווען גלייך, איך זאָל נישט מעהר לאַנג פערנעהמען די שטוהל...

די ווערטער פון דעם פויפסט זענען דעם קאַרדינאַל אַריין אין קאָפּ און זייט דעם טאָג האָט ער זיך אָנגעהויבען רעכנען פאַר דעם קינפטיגען פויבסט.

דאָס האָט דער פויבסט געטהון מיט אַבזיכט. ער האָט געוואָלט אַמיצען איבטערעסירען אין דעם, אַז ער זאָל אויפהערען

צו זיין פויבסט. וועט מען דאַמאָלס, ווען ער וועט גנלם ווערן מאַכען אַ קלענערן רעש.

און דער טאָג, אָדער ריכטיגער, די נאַכט איז געקומען, ווען דער פויבסט האָט געקענט אויספיהרען זיין פלאַן. ער האָט זיך עטליכע טעג פריהער געמעלדעט דאָס ער איז קראַנק און איז געבליעבען אין זיין צימער. געווען איז עס אַ רוהיגע צייט, זומער, ווען אין רוים הערשען די גרויסע היצען, צעפאָהרען זיך די קאַרדינאַלען אין די סביבה פון דער הויפטשטאָדט. וואו עס איז קיהלער. קיין פרעמדע געסט קומען נישט און דער גאַנ־צער דיענסט אין וואַטיקאַן ווערט אַביסעל נאַכלעסיג.

אין אָט אַזאַ אָוועגד האָט זיך דער פויבסט אַרויסגעלאָזט געהן שפּאַציערען אין די וואַטיקאַנישע גערטנער און געבעטען דעם דיענער וואָס איז מיט איהם געגאַנגען, איהם לאָזען אַליין...

דער דיענער איז געבליעבען ביים איינגאַנג פון גאָרטען שטעהען. עס איז געווען אַ ווארימע נאַכט און ער איז פון לאַנגען בלייבען אַליין אַנטשלאָפען געוואָרען, אַראָבלייגענדיג פון זיך דעם דיענסטמאַנטעל.

דיעזען מאָמענט האָט דער פויבסט בענוצט, אויף זיך גענומען דעם מאנטעל און אַרויס פון וואַטיקאַן. קיינער האָט איהם נישט אויפגעהאַלטען. ווייל מען האָט געמיינט עס איז טאַקי דער דיענער.

ווען דער דיענער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער גערע־כענט, אַז דער פויבסט איז שוין צוריק אין זיין צימער, איז ער געבליבען זיצען אין גאָרטען און דאָרט פערברענגט דעם רעשט פון דער נאַכט.

ערשט אין דער פריה האָט מען בעמערקט, אַז דער פויבסט איז נישטאָ.

עס איז געוואָרען אַ גרויסער רעש, מען האָט צוזאַמענ־גערופען די קאַרדינאַלען און זיי דערצעהלט אַז דער פּויבסט איז פערשוואונדען. צופעליג איז דער קאַרדינאַל, מיט וועלכען דער פּויבסט האָט אָפט גערעדט, געווען דער ערשטער, וואָס איז פון דער מעשה געוואָהר געוואָרען. ער האָט זיך דערמאַנט אין די ווערטער פון פּויבסט און איידער די אַנדערע קאַרדינאַלען זענען צוזאַמענגעקומען, האָט ער אויסגעאַרבייט אַ פּלאַן, וואָס עס זאָל געשעהען...

— דער פּויבסט — האָט ער צו די קאַרדינאַלען געזאָגט — האָט אין דער לעצטער צייט אָפט מיט מיר געשפּראָכען פון זיין נאָהענטען טויט... ער איז געווען אַ צו שאַרפער מוח און אַזעלכע מענשען ווערען צומאָל בעפאַלען פון אַ שגעון און דאָס לעבען ווערט זיי מיאוס... בודאי האָט ער זיך אַריינגעוואָר־פען אין אַ וואַסער אריין... עס וועט זיין מיאוס פאַר דער וועלט, אַז אַ פּויבסט זאָל האָבען זיך גענומען דאָס לעבען... דאָס קען שאָדען דעם כבוד פון דער קאַטוילישער קירכע... איז בעסער מיר זאָלען שווייגען און מודיע זיין דער וועלט אַז דער פּויבסט איז פּלוצים געשטאָרבען... די דיענער וואָס ווייסען דעם אמת, וועלען מוזען שווייגען... איך רעכען, אַז דער דערטרונקענער וועט באַלד אַרויפשווימען... אויב אָבער נישט, וועלען מיר מאַכען אַ לויה מיט אַ ליידיגען זאַרג... עס איז סיי ווי סיי אַזוי הייס און מען קען דעם קערפּער פון דעם טויטען נישט לאָזען ליגען... וועט זיין אַ כשר'ער טאָפּ און אַ כשר'ער לעפעל...

און תיכף האָט מען אין גאַנץ רוים געוואוסט אַז דער פּויבסט איז פּלוצים געשטאָרבען און אַז עס וועט זיין אַ שטילע לויה, ווייל מ'קען וועגען דער גרויסער היץ נישט לאַנג וואַרטען...

ח.

# צוריק אין מײַנץ.

דער פּויבסט איז געווען פרעמד אין רוים. ער האָט צוערשט נישט געוואוסט וואָס ער זאָל טהון און וואו ער זאָל זיך בעהאַלטען.

ער האָט איבערדעם אויפגעזוכט איינעם פון די רוימישע גערטנער און איז דאָרט געבליבען ביז אין דער פריה.

גאַנץ פריה, איידער עס האָבען זיך געוויזען מענשען אויף די גאַסען, איז ער אַרויס פון גאָרטען און זיך געלאָזט געהען אָהן אַ ציעל, וויסענדיג בלויז אין וועלכער זייט פון דער שטאָדט עס געפינט זיך דאָס יודישע פיערטעל.

לאַנג איז ער געגאַנגען. דערווייל האָט זיך אין שטאָדט אָנגעהויבען צו קאָכען מיט דעם פלעצליכען טויט פון פּויבסט. די גלאָקען פון אַלע קירכעס האָבען געקלינגען און פון אַלע זייטען זענען געלאָפען מענשען אין וואַטיקאַן, הערען די איינצעל־הייטען פון דער זאַך.

אין דעם גרויסען רעש און געלויף האָט קיינער נישט בעאַכטעט דעם וואַטיקאַנישען דיענער, וואָס האָט געוואַנדערט דורך די גאַסען. ענדליך האָט ער דערגרייכט די יודישע גאַסען און זיך דערפרעגט צום רב.

אויך אין יודישען פיערטעל האָט דער טויט פון פּויבסט אַרויסגערופען אַ גרויסע איבעראַשונג און אַ גרויסע טרויער. מען האָט געוואוסט אַז דער פּויבסט איז געווען אַ גוטער מענש און האָט די יודען בעוויזען טובות... ווער ווייס ווי אַזוי וועט זיין נאָכפאָלגער זיין...

דערזעהענדיג אַ דיענער פון וואַטיקאַן, האָט מען גערעכענט

אַז ער איז געקומען דער יודישער קהלה מודיע זיין פון דעם וואָס עס איז געשעהען, און מען האָט איהם תיכף געפיהרט צום רב. פיעל מענשען האָבען געוואַרט אין דרויסען, וועלענדיג הערען, וואָס ער האָט דעם רב דערצעהלט.

זיי האָבען אָבער לאַנג געוואַרט, דער דיענער איז גאָר נישט אַרויסגעקומען און ווען זיי האָבען דערנאָך געפרעגטביים רב, האָט ער זיי געענטפערט אַז דער דיענער איז אַרויס דורך דער טהיר, וואָס פיהרט אין די אַנדערע גאַס, נישט וועלענדיג זיך אַריינלאָזען אין אַ שמועס מיט די יודען.

— — — — — —

עטליכע וואָכען שפעטער האָט זיך אין מאַינץ בעוויעזען אַ פרעמדער יודישער וואַנדערער, וואָס האָט דערצעהלט אַז ער קומט פון אַ וויטען לאַנד און בעט, מען זאָל איהם אָנווייזען דאָס הויז פון אַ רייכען יוד, וואָס וועט איהם קענען אויפנעמען ביי זיך...

מען האָט איהם געפיהרט צו דעם רייכסטען בעל-הבית, צו רבי שמעון בן יצחק און דיעזער האָט ערקלערט, אַז דער פרעמדער וועט זיין אַ גאַסט ביי איהם.

דער פרעמדער איז שוין געבליעבען אין מאַינץ. גאַנצע טעג פלעגט ער זיצען אין בית-המדרש און שטיל לערנען. זעלטען האָט ער מיט אימיצען אַ וואָרט גערעדט.

אין דער קהלה האָט מען אפילו געוואוסט, ווער דער פרעמדער איז, אָבער מען האָט קיינמאָל נישט דאַריבער גערעדט און דער סוד איז געבליבען פערשלאָסען אין דער יודישער גאַס.

אלחנן, איז געבליעבען ביי זיינע עלטערן ביז זיי זענען נפטר געוואָרען. דאַמאָלס האָט ער גענומען דאָס ביסעל פערמעגען וואָס איז איהם געבליעבען און איז אַוועק אין אַ אַנדערער שטאָדט, וואו ער האָט פערבראַכט דעם רעסט פון זיין לעבען אין לערנען תורה.